**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער פארט אויטאריטעט באס טערמינאל צוריק אריינגייענדיג אין סערוויס

"איך האב באקומען א באריכט איבער די פארדעכטיגטע פעקל ביי די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל וואס האט געפירט צו די עוואקואירונג פון די טערמינאל. א דאנק די באמיאונגען פון די פארט אויטאריטעט פאליציי און די NYPD, איז די פארדעכטיגטע פעקל געפונען געווארן און אוועקגענומען געווארן פונעם ארט. געווענטליכע אפעראציעס פון די באס טערמינאל הויבן זיך יעצט צוריק אן.

מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן פאר זייער שנעלע און עפעקטיווע אפרופונג צו די פאטענציאלע דראאונג. פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך וועל פארזעצן צו טוהן אלעס אין מיין כוח צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די זיכערע, פארלעסליכע טראנספארטאציע סערוויס וואס קומט זיך זיי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן